בס"ד

# כד טבת

# יארצייט פון דער אלטער רבי

## היי קינדער!

זייט איר גרייט פאר א אוואנטורע? זייט איר גרייט צו דערקענענען נאפאליאן און דער חסיד וואס איז געווארן א שפיאן? ווילסט הערן פארוואס דער אלטער רבי האט געדארפט אנטלויפן פון ליאדי? לאמיר גיין!

## נאפאליאן אדער צאר אלעקסאנדער?



דער אלטער רבי האט געהאלטן אז נאפאליאן טאר ניט זיגן! נאר ער האט געוואלט אז דער רוסישע צאר אלעקסאנדער זאל עם מפיל זיין. ווייל, אויב נאפאליאן וועט זיגען וועט זיין זייער גוט פאר די אידן בגשמיות. זיי וועלן האבן א סאך געלט, מ' וועט לעבן בשלום מיט די גויים, מ'וועט קענען לעבן וואו מ'וויל און ארבעטן אין וועלכע פאך מ'וויל. אבער ברוחניות וועט ניט זיין אזוי גלאטיג. מ'וועט ח"ו פארגעסן וועגן דער אויבערשטער, פארגעסן וועגן תורה און מצוות. אויב דער צאר וועט זיגן, וועט זיין שלעכט בגשמיות, די אידן וועלן זיין ארעם און צוקוועטשט. מ'וועט זיי פיינט האבן. אבער ברוחניות וועט זיין ליכטיג – די אידן וועלן ווערן נענטער צום אויבערשטן און טאן תורה און מצוות מיט אהבה.

די אנדערע גרויסע צדיקים פון די מגיד האבן געהאלטן אנדערש ווי דער אלטער רבי.

## נאפאליאן באנאפארט



נאפאליאן באנאפארט איז געווען א בארימטער, פראנצויזישער גענעראל אין די צייטן פון דער אלטער רבי. ער האט געמאכט מלחמות מיט א סאך לענדער און האט זיי אלע געזיגט. אין א פאר יאר האט ער שוין באהערשט איבער פראנקרייך, שווייץ, איטאליע, עסטרייך און נאך.

נאפאליאן האט זיך ניט באנוגנט מיט דעם. ער האט געוואלט באהערשן איבער רוסלאנד אויך. אלע האבן געוואוסט אז אויב נאפאליאן וועט זיגן וועט דער לעבן זיין זייער אנדערש. אבער ס'געווען א מחלוקת אויב דאס איז א גוטער זאך אדער נישט.

## אנטלויפט!



אויף תשעה באב, נאפליאן מיט זיין ארמיי האבן אנגעהויבן זייער מלחמה מיט רוסלאנד. און זיי האבן אוואנסירט זייער שנעל. ווען דער ארמיי האט זיך דערנענערט צו ליאדי, האט דער אלטער רבי און זיינע חסידים צוגעגרייט צו אנטלויפן.

פרייטאג, כ"ט אב, האט א גרופע זעכציג וואגן ארויסגעצויגן פון ליובאוויטש. דער גרופע האט זיך אנטהאלטן פון דער אלטער רבי, זיין משפחה, זיין חסידים, און סאלדאטען פון דער רוסישע ארמיי צו זיי באשיצן. דער אלטער רבי האט מיטגענומען מיט זיך אלע זיינע חפצים און האט געלאזט זיין שטוב אינגאנצן ליידיג.




מ'האט שוין געפארן א היפשע ווילע און דער אלטער רבי האט געבעטן אז מ'זאל עם צוריקפירן אין ליאדי. ווען ער איז צוריק אריין אין שטאט, האט דער אלטער רבי געבעטן צו זוכן זיין שטוב נאכאמאל און מאכן זיכער אז עס איז אינגאנצן ליידיג.

מ'האט געזוכט און געפונען פאנטאפל און נאך א פאר חפצים. דער אלטער רבי האט געהייסן מ'זאל צוברענען דעם שטוב, און האט שנעל געלאזט דעם שטאט.

# כ"ד טבת

# יארצייט פון דער אלטער רבי

## דער יאג



בשעת מעשה וואס דער אלטער רבי איז ארויס פון איין עק שטאט, איז נאפאליאן אריינגעקומען פון דער צווייטער עק.

ער איז געגאנגען גלייך צום רבינ'ס שטוב און איז געוואן זייער ברוגז ווען ער האט געזען אז עס ברענט זיך, מהאט געפראווט אויסלאשן די פייער, אבער מ'איז ניט מצליח געווען. נאפאליאן האט געבעטן ביי די איינוואינער פון שטאט, זיי זאלן אים ברייננגען עפעס וואס האט באלאנגט צום אלטער רבי'ן, און וועט זיי גוט באצאלן פאר דעם, מ'האט עם גארנישט געבראכט.

דער סיבה פאר די דאזיגע אויספירונג איז אזוי: נאפאליאן האט געהאט כוחות הטומאה. אויב ער וואלט געהאט א חפץ פון אלטער רבי'ן וואלט ער אים אפשר מזיק זיין מיט זיינע ספעציעלע כוחות.

## הסתלקות



ח' טבת, איז דער אלטער רבי אנגעקומען צום דארף פיענא. ער האט דארט באזעצט פאר א קורצע ווילע ביז מ'וועט געפינען וואו צו באזעצן שטענדיג.

י"ט טבת, איז דער אלטער רבי געווארן קראנק – אפשר פון די פראעריי, אפשר פון די גרויסע צער.

פינף טאג שפעטער, כ"ד טבת, האט זיין הייליגע נשמה געלאזט זיין הייליגע גוף. גער אלטעא רבי אזי געוועןן 68 ווען ער איז נסתלק, 68 = חיים.

אין אמת גערעדט, א צדיק איז קיינמאל ניט נפטר. דאס וואס מיר זיינען דא היינט – חסידים פון רבי'ן – איז עדות אז דער אלטער רבי לעבט ( ברוחניות!) נאך!

## אפענע נבואה

די 60 וואגן האבן איבערגעפארן דעם טייך דניעפער און דערגרייכט א דערפל, האלבע שעה פאר שבת.

נאך שבת האבן זיי ממשיך דערגרייכט דער שטאט ביז זיי האבן נאכאמאל נאפאליאן.



במשך די פארעריי, דער אפענע נבואה, ער האט וועט געשען, און עס איז ראש השנה האט דער דער מצב וועט זיך בייטן. מאסקווע, אבער נאכדעם ערב יו"כ האט נאפאליאן אלטער רבי האט געהאלטן האבן א מפלה. מיט צוויי

געוועןן אויפ'ן וועג ביז זיי האבן פיאטנע, דארט האבן זיי געבליבן געדארפט אנטלויפן פון

אלטער רבי האט גערעדט מיט געהאלטן אין איין רעדן וואס אלעמאל געוועןן אמת!

אלטער רבי געזאגט: איך זע אז נאפאליאן וועט טאקע דערגרייכן וועט ער האבן א מפלה.

טאקע איינגענומען מוסקווע, דער מיט זיינס אז ער וועט באלד מאנאט שפעטער, אויף שבת י' כסלו, האט דער אלטער רבי געזאגט אז די קומענדיקע וואך וועט זיין דער מפלה.

און טאקע, א פאר טעג שפעטער, האט דער גרויסער נאפאליאן געדארפט אנטלויפן פון רוסלאנד.

## דער שפיאן



ר' משה מייזליש האט געקענט פלייסיג רעדן א סאך שפראך, רוסיש, דייטשיש, פראנצויזיש. צוליב דעם האט דער אלטער רבי עם געקליבו צו זיין א שפיאן פאר דעם רוסישן ארמיי. ר' משה האט זיך באפריינדט מיט די פראנצויזישע אפיצירן אין ווילנא. זיי האבו אין באלד גענומען צו ארבעטן פאר זיי ווי א מתורגמן.

ר' משה האט זייער גוט צוגעהערט  צו אלעס וואס זיי ריידן און האט עס איבערגעגעבן צו די רוסישע.




איינמאל, ר' משה האט זיך געזעצן אין איינע פון די צימערן פון די אפיצירן. ער האט געזעצן און געארבעט צו מתרגם זיין עפעס א פאפיר און דערביי האבן געזעצן א פאר אפיצירן מיט א גרויסע קארטע פון רוסלאנד אויסגעשפרייט אויפ'ן פאל און האבן פלאנירט זייער באפאל.

פלוצלונג, דער טיר האט זיך שטארק געעפענט זיך, און נאפאליאן אליין איז אריינגעקומען, זייער ברוגז. זיין בליק האט געפאלן אויף ר' משה און ער האט געפרעגט, "ווער איז אט דער פרעמדער? ער איז א רוסישער שפיאן!" אזוי זאגנדיג, איז ער גלייד איבערגעגאנגען צו ר' משה'ן און האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף ר' משה'ס הארץ  צו דערפילן אויב עס קלאפט זיך פון שרעק. ווייל אויב יע מיינט דאס אז ער איז באמת א רוסישער שפיאן. אבער ניין. דער הארץ האט זיך געקלאפט ווי געוויינלעך ווייל משה איז געווען א חסיד און ער האט שוין אויסגעארבעט אז "מוח שליט על הלב". זיין מוח האט איבערגעהערשט איבער זיין הארץ. און כאטש ער איז טאקע געווען דערשראקן האט זיין הארץ נישט געקלאפט. זייענדיג א חסיד האט געראטעוועט זיין לעבן!